STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10143

FUN MENTSH TSU MENTSH

Hadasa Rubin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הדסה רובין

*

פון מענטש צו מענטש

הדסה רובין

פון
מענטש
צו
מענטש

פארלאג
י.ל. פרץ
ישראל

1964

HADASA RUBIN

FUN MENTCH ZU MENTCH

I. L. Peretz Publishing House
31 Allenby str., Tel-Aviv

*

הדסה רובין / פון מענטש צו מענטש

פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, אלנבי 31

©

נדפס בישראל תשכ״ה
Printed in Israel, 1964

דפוס „ארזי״ בע״מ, ת״א, רח׳ אילת השחר 4, טל. 34294

א תפילה צו זיך

(וואַרשע)

אַ תפילה צו זיך

זיין אַזוי שטאַרק,
סע זאָל קלעקן מיר כוח דאָס האַרץ צו פאַרהיטן
פון רו נישט פאַרדינטער,
פון קליינלעכן ציטער
באַדראָט אויב ס׳וועט ווערן די שוועל פון מיין עלטער,
די בלום אינעם פענצטער,
מיין טעכטערלס ליאַלקע —
דאָס אַלץ, וואָס מיין לעבן באַחנט און באַפליגלט.
סע זאָל מיך, אין אַנבליק פון פּרווו, נישט באַזיגן
געזאַמלטע פרייד און פאַרגעסענער ווייטיק,
נישט פענטען מיט שפינוועב די הענט, ווי מיט קייטן.

זיין אַזוי שטאַרק,
סע זאָל קלעקן מיר כוח פון צווישן געפאַרן
אַרויסטראָגן ריין דאָס געוויסן, אָן שטרויכלונג,
ווי ס׳טראָגט יענע מאַמע אויף פּלייצעס, אויף דאַרע,
דאָס קינד אירס אַרויס
פון צעפלאַקערטע רויכן —
זי שוינט נישט איר לייב,
זי געדענקט נישט פון ווייטיק
און פרעגט נישט פאַר וועמען איר קרבן איז נייטיק.

זיין אַזוי שטאַרק,
סע זאָל קלעקן מיר כוח צו בלייבן פאַראייניזאַמט,
אויב ס׳האַרץ וועט זיך אָפּזאָגן דינען דעם שכל.
קיין מחילה נישט בעטן
ביי זיך, נישט ביי קיינעם,
נישט בעטן ביי זיך, נישט ביי קיינעם קיין שמייכל.
פאַרהיטן די שיין, וואָס פאַלט אוים אויף מיין חלק
צו קענען מיט איר, ווי מיט ברויט זיך צו טיילן.

ביסט ווידער דאָ...

קלאַפּסט ווידער אָן אין מיין האַרץ, ווי אין אַ טיר,
און רופסט מיך שטיל
און רעדסט אויף „דו" צו מיר.
איך האָב אַזוי פיל מאָל געביטן די אַדרעסן.
נאָר טרעפסט צו מיר.
דו ווילסט מיך נישט פאַרגעסן.
ביסט ווידער דאָ.
ווי שטענדיק — אַלט און ניי.
גרינהאַריקער, בלויאויגיקער,
דו מיינער אומרו־מיי.
ביסט ווידער דאָ.
וואָס ווילסטו זאָגן מיט דיין קומען?
אַז אין מיין האַרץ איז נאָך פאַראַן
אַן אָרט פאַר בלומען,
פאַר גרויסע פייערן,
פאַר טרוימען און פאַר שטרייט.
אַז דער קאָליר פון מיינע אויגן איז די צייט,
וואָס שלאָגט זיך אָפּ אין זיי
און ווערט נישט אויסגעלאָשן? —
איז יעדער מיי געוועזן דאָך מיט בלוט פאַרגאָסן.
אַזוי פיל טרוימען נישט דערבענקט,
אַזוי פיל אויסגעוויטיקט.
יאָ, גרינער מיי,
דו ביסט מיר שולדיק קוויטן —
ס'דאַרף יעדער מענטש אַ מאָל דאָך אַלט זיין אַכצן יאָר...
צינד איצטער אָן דעם שניי אויף מיינע האָר,
פיל אָן מיט ליכט איצט מיינע אויסגעשטרעקטע הענט.

איך וויל נאָך ווערן טויזנט מאָל פאַרברענט
פון גרויסער פרייד,
פון נישט געצוימטע גליקן.
ווי רעגנבויגנס זאָלן הענגען מיינע בריקן —
דאָס האַרץ איז שטאַרק און זאָגט נאָך נישט: צו הויך.
דורך שטורעם-וואָלקנס וויל איך, נישט דורך רויך,
די זון דערלאַנגען אין איר רויטסטן גלי.
אַ, גרינער מײַ,
צעקלינג די לופט מיט פייגל-איבערפלי,
איך וועל דעם שטילסטן רוף
פון קנאָספּ צו בלום דערהערן.
כ׳וועל כאַפּן פאַלנדיקע שטערן,
צוריק זיי וואַרפן אינעם בלויען אויבנאָן,
ווי כ׳פלעג אויף דראָט פאַרוואַרפן הויך
די רויטע פאָן.
כ׳וויל מער נישט אָנווערן קיין שטראַל,
קיין שטערן.
האָסט דאָך געקאַרגט אַ מאָל אפילו טרערן —
דער בליק זאָל בלייבן שאַרף,
דאָס שטאָלצע האַרץ — ווי שטיין.
אַ, גרינער מײַ,
ביסט שולדיק מיר געלעכטער און געוויין.

ק ר אַ ט ע ס

באַגינען
שטייען זיי אייזערנע, שלעכטע און דינע —
קראַטעס,
פאַרשאָלטענע קראַטעס,
צעקעסטלען אויף שטיקלעך די הימלישע שמאַטע:
אַ קעסטעלע בלויקייט,
אַ קעסטעלע מויער,
אַ קעסטעלע בענקשאַפט,
און שעם זיך נישט — טרויער.

שפּעטער,
ווען ס'דראַפּעט זיך שיין איבער פענצטערשן לייטער,
פאַלן די קראַטעס אַריין אין מיין קאַמער
אין מאָדנע פירעקן,
אין פלעקן, אין פלאַמען —
פון פענצטער אויף טישן,
פון טיש אויף געלעגער,
דערנאָך צו דעם געטשל, וואָס הענגט ווי געפּגרט.

נאָר ביי נאַכט
פיל איך, די קראַטעס, ווי איך זענען וואך.
און ס'דאַכט זיך מיר אוים, איך זע מיידלשע בליקן
אויף קראַטעס, ווי פאַרהענגלעך וויגן זיך, וויגן,
און ציען זיך אוים צו די בלווילעכע שיינען —
צעבענקטע, פאַרעקשנטע חברטעס מיינע.
און ס'ווערן די קראַטעס אין נאַכט אַזאַ שווערער
נאָענט, אָ, נאָענט, ווי יענע חברים.

אַ ליד

כ׳מאַך מיר פון ווערסנע אַ שנירעלע קרעלן
און טו עס מיר אָן אויפן האַלדז.
פאַר מיר איז דער הימל אַ זילבערנער טעלער,
פאַר מיר איז די זון אַ מאַראַנץ.

כ׳וועל אויסשטרעקן אָרעמס און פּרוּוון דערלאַנגען
מיט באָרוועסע הענט, מיט אַ נאַקעט געזיכט. —
ער איז אַזוי שיין, דער אָנשיכיקער טאַנגאָ
פון ווינט איבער גראָז און פון שפּרענקעלעך ליכט.

✶

נעם מיך אַרום. נאָר דערשוויג, נאָר דערשמייכל,
נאָר דערזאָג נישט דעם פערז פון דיין האַרציקן ליד.

ווערסנע-צייט ווערן די קראַטעס נישט ווייכער;
ווערסנע-צייט בליִען דאָ לונגען מיט בלוט.

אַ בריוו

בענקען הייסט דען ליבע? —
נאָר נאָך אַ טויטן טאָר מען נישט בענקען.
פון קאַמער נומער זיבן
שרייבסטו צו מיר, אַז איך זאָל דיך געדענקען.

*

בײַ אונדז אויפן הויף איז שוין וועסנע —
איך בין נאָך מיט איר פונדערווײַטנס.
כ'קאָן דיר שרײַבן, אַז כ'האָב נישט פאַרגעסן.
כ'קאָן דיר שרײַבן מיט בליקן אויף קראַטעס.

*

ס'ווינט אַ פײגעלע איבער מײַן פענצטער,
און דער הימל איז בלוי פונעם הענגען.
שרײַב מיר, טײַערער, אָן — אפשר קענסטו —
וואָס כ'זאָל טאָן מיט מײַן בענקען.

בלומען אויף מיין גאַנעק...

בלומען אויף מיין גאַנעק,
מיינע שיינע בלומען, —
צעבליט זיך נישט ביז וואַנען
איך וועל קומען, קומען.

זילבערנע בערעזקע,
זילבער-גרין באַמעליקט,
איך באַשווער דיך ביי דער סטעזשקע:
וואַקס אָן מיר פּאַמעלעך.

יינגל מיינער, טייערער,
דו בעסטער צווישן מענער,
היט אין האַרץ דאָס פייער אָפּ,
איך זאָל דיך דערקענען.

בלומען, — ניין, איך שפּאַס נאָר,
בערעזקע, גרין זיך פריידיק.
צעוואַקסט זיך איבער גאַסן,
צעבליט געזונטערהייט זיך.

און דו, מיין פריינד, נישט טרויער,
דו ווייסט, ס׳איז קאַמף קיין שפּיל נישט.
דו גרוי, און איך נאָך גרויער —
מיר וועלן זיך געפינען.

אונדזער באָבע

אונדזער באָבע
קען נישט שרייבן און נישט לייענען.
אונדזער באָבע האָט געקנאָטן ברויט ביי לייטן.
זי פלעגט קאַיאָרן טיילן צווישן שכנים,
אויף לעבלעך זויערטייג קאַיאָרן בייטן —
פאַרשלאָפענע אַזוינע, נישט קיין שיינע.
און וויינען פלעגט די באָבע, וויינען...

אונדזער באָבע
קען נישט שרייבן און נישט לייענען;
מיט קיין באַן נאָך קיין מאָל נישט געפאָרן.
פלעגט אויף פסחן צעטיילן יאָרן,
מיט מערצעשעמס באַפּוצן אירע מאָרגנס.
און מורא האָבן פלעגט זי
און זיך זאָרגן —
מיט זאָרג די הינטער-טיר און ביידעמער באַוואָרנט...

אונדזער באָבע
קען נישט שרייבן און נישט לייענען;
ביי ערדערנעם געפעס אַ לעבן אָפּגעפּאַרעט.
ס'האָט נישט געזען איר קופּערט
קיין ליבעס-בריוו פון קיינעם —
שטיל און פרי, אָן טענות,
איז זי אַלט געוואָרן.
פלעגט אַ מאָל דעם סידור שטומערהייט באַוויינען.
פון געוויין דעם שטומען
כ'האָב געלערנט צאָרן.

ווילנע 1943

ס'מעג הייגטיקע ווילנע באַגיין זיך אָן בעז.
נישט פאַר מיר איז איר גלאַנץ און איר שמעקן.
ס'איז מדבר אַרום.
איך פלאַקער און ברען
אין האַנט איז אָן קנאָספּן דער שטעקן.

ווילנעלעך יידישע, קינדערלעך קליין,
ווי גרויסע געקרייציקט אויף שליאַכן,
איך וועל דערוויינען אייער געוויין —
ווער וועט דעם געלעכטער דערלאַכן?

מייד מיך אויס, ווילנע, כ'זיץ שבעה אַצינד,
גיי אַנדערע שטערנס באַצירן.
כ'טראָג אונטערן האַרצן אַ געהרגעט קינד,
זאָל פרייד נישט פּרווון מיינע טירן.

נחמו...

אין הייסע ביינאַכטן,
אין וואַכע ביינאַכטן
זאָג איך מיר: נחמו,
זאָג איך מיר: נחמו.

כ׳גלעט מיינע הענט
און איך בעט ביי זיי רחמים:
רייסט נישט דעם גוף
אינעם בלוטיקן טראַכטן.

אין וואַכע ביינאַכטן,
מיט אויגן פאַרמאַכטע
זוך איך אייך, רוף איך אייך,
פאַרפייניקטע מיינע.

אין וואַכע ביינאַכטן,
זאָג מיר נישט נחמו —
איך בין דער ווייטיק,
איך בין די טענה.

מאַמע

ווי ווייט ביסט פון מיר
און ווי עלנט.
אוי, עלנט, אוי, עלנט אַזוי.
ווער ווייס,
צי אַ פויגל וועט וועלן
אַ וואַרף טאָן אַ פעדער,
אַ שטרוי

אויף בערגל,
פאַרגעסן און איינזאַם,
פאַרלאָזן פון מאַן און פון קינד.
קיין יידישע טרער וועט אַ שכנה
נישט שיקן צו דיר מיטן ווינט.

אוי, מאַמעניו,
איך בין נישט שולדיק.
נישט דאָס האָב איך, מאַמע, געמיינט.
מיין האַרץ איז פאַרוואַקסן
מיט ווילדגראָז,
פאַרחושכט אַזוי, ווי דיין שטיין.

טאַטע־מאַמע

זי שטייט צווישן אייך שטומערהייט און דערשראָקן,
דאָס נעזל באַדעקט מיט אַ שיטערן שוויים.
וואַרפֿט אָפּ פּונעם שטערן פֿאַרעקשנטע לאָקן —
זי ווייסט.

דאָס נאַכט־העמדל הייבט זיך גיך־גיך, ווי איר אָטעם —
די ערשטע, צעריסענע, שלאָפֿלאָזע נאַכט.
ווי רויבפֿייגל וואַרפֿן זיך אָן אויף איר שאָטנס —
זי שטייט צווישן אייערע שאָטנס פֿאַרמאַכט.

די אויגן — זיי הענגען אויף אייערע מיילער.
ס'אַכטיעריקע האַרץ שטרענגט זיך אָן צו פֿאַרשטיין.
אַ חיהלע, גרייט צו אַ שפּרונג יעדע ווײַלע,
די טיר צו פֿאַרשטעלן מיט אייגן געוויין.

ווער ווייסט, וואָס אין אייערע רייד איז פֿאַרבאָרגן!
די גרעסטע געפֿאַר איז פֿאַר איר איצט — די שוועל.
זי וויל, אַז איר טאַטע זאָל בלייבן. אַז מאָרגן
זאָל ליגן ווי שטענדיק אין שאַנק זיין פּאָרטפּעל.

אין ווינקל, לעם בעט, זאָלן שטיין זיינע שטעק־שיך,
אַזוי ווי זיי שטייען דאָרט רויִק אַצינד.
אין אָוונט, ווען ערב־שלאָף ציטערט און שרעקט זי,
רעדט זי צו זיי, און דער פּחד פֿאַרשווינדט.

זי וויל, ווי ביז איצטער, אים לויפן אַנטקעגן,
ווען ס'הילכן באַקאַנט אויפן הויף זיינע טריט.
צו וואָס פאַר אַ היים און מיט וואָס פאַר אַ וועגן
וועט ער איצט גיין פון דער אַרבעט צוריק?...

זי וויל...
און דאָס האַרץ, ווי אַ גלאָק קלאַפּט אַלץ העכער.
איין שאָטן רייסט האַסטיק זיך אָפּ פון דער וואַנט.

די נאַכט, ווי אַ קאַץ, קריכט פאַרטייעט פון דעכער
און לעקט מיט רחמנות אַ קינדערשע האַנט. — — —

אַ ליד וועגן אַ יונגגן בלעכער

שטייט אַ יונגער בלעכער אויף אַ צענטן שטאָק,
קלינגט זיין הויכע שטימע לויטער, ווי אַ גלאָק.
קוק איך פון מיין פענצטער, ווי ער לייגט דעם דאַך —
ווייס איך דען צו וועמען און פון וואָס ער לאַכט?
ווייס איך דען צו וועמען האָט ער זיך צעטאַנצט?
פונקט אַנטקעגנאיבער הענגט די זון אין גלאַנץ.
שטרעקט ער אויס זיין אָרעם צו דעם הימל-פלאַך —
אפשר איז צו נאָענט פון דער ערד זיין דאַך?
אפשר וויל ער העכער פונעם העכסטן הויז,
און ער טאַנצט זיין גבורה ,די באַפרייטע אויס?

נעם מיך, יונגער בלעכער, מיט אין דיין געיעג.
לערן מיך צו שפאַנען איבער הויכע טעג,
אויסצומיידן תהומען, לאַכן פון געפאַר.
פרעג נישט, וואָס איך קאָן דיך אויסלערנען דערפאַר.
כ'וועל דערפאַר דיר שענקען אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג:
אַ ליד וועגן אַ בלעכער אויף אַ צענטן שטאָק,
וועגן יונגן בלעכער, וועלכער האָט צו שייַן
אויסגעשטרעקט די אָרעמס און געזאָגט: ס'איז מיין!
נעם מיך, יונגער בלעכער, מיט אין דיין געיעג.
וואָס איך וויל דיר געבן, איז מיין גאַנץ פאַרמעג.

רעהאַביליטירטער

ער זיצט ביי מיין טיש,
עסט מיט מיר פון איין ברויט
טרינקט מיט מיר פון איין כוס
טראָגט מיין קלייד אויף זיין לייב
פירט מיין קינד ביי דער האַנט —
אפשר איז ער גאָר — איך?
אפשר בין איך גאָר — ער?

בלייבט זיין אָרט פוסט ביים טיש —
בלייב איך פוסט און פאַרשעמט
פון נישטערגעץ איך רוף
אים אַרוים מיט געבעט
גלעט מיין מאַן מיינע הענט
גיסט אָן וויין אין זיין גלאָז
נאָר דאָס קינד זאָל נישט זען
זאָל נישט פרעגן פאַרוואָס.

וועקט מיך אויף הויך די נאַכט
און שרייט אוים זיין געשריי
ווערט אַ קאַמער מיין בעט
און אַ זייגער — דאָס האַרץ
עמעץ רופט מיך און קומט
עמעץ מאָנט ביי מיר פרעך
מיין געווימן ווי גאָלד
ס׳מאָנט אַ רויבער אין וואַלד.

מיט זיין בלוט — מיט מיין בלוט
כ׳שרייב אויף לייוונט צו די
וועמענס אויער ס׳איז טויב
וועמענס אויג עס איז בלינד

מיינע גלידער — איך הער
בעטן רחמים ביי מיר
זאָל נאָר דאָס געבעט
נישט דערהערן מיין קינד.

ווער זשע ביסטו, וואָס קומסט
זאָגן מוסר מיין הארץ
מיך צו שיידן מיט אים
מיטן מעסער פון חשד
אויסצופאָרשן מיט רייד
דעם קאָליר פון מיין בלוט
צו פארזייען דעם זאָם
פון דיין שטיינערנער בלום?

ער איז דאָ צווישן אונדז
ווייל נאָר דאָ איז זיין אָרט
צו דערלעבן זיין טאָג
צו דערזאָגן זיין וואָרט
כ׳וואַרף דיין וואָרענונג אָפּ
איך וואַרף אָפּ דיין געריכט
אפשר בין איך גאָר — ער
אפשר איז ער גאָר — איך?

ש ר ע ק

איך וויל נישט מער. איך וויל נישט מער.
מיט עקל וואַרף איך אָפּ דעם קאַלטן וואָרעם.
ער האָט געהאַט שוין אין מיין האַרץ אַ מאָל זיין נאָרע —
מיט זיין געלעכטער האָט געלאַכט מיין טרער.

איך וויל נישט מער. כ׳וויל מער נישט זיין
קיין חיה אין אַ פייערדיקער ראָד פון יעגער.
וואָס וועל איך ענטפערן מיין קינד,
ווען ס׳וועט מיך פרעגן:
אַ וועלכע איז די העכסטע פרייז פאַר זיין?

קום, טויט, און לייג זיך ביי מיין שוועל —
ווי אַ געליבטע וועל דיין שוואַרצן רוקן גלעטן.
אויב אַנדערש קען נישט זיין —
ווער דו מיין ריטער און מיין רעטער,
זאָל ליב מיר זיין דער שוידער פון דיין פעל.

איך צאָל דיר אוים דיין חלק ברייט.
נאָר וואָס סע בלייבט איז מיינס.
דאָס וועט נישט גיין פאַרלוירן.
שרעק וועט נישט שלעפּן מער מיין גוף צו קיין דין־תורה,
אַז ער זאָל חתמנען אַ פּסק פון פאַלשע רייד.

איך וויל נישט מער. איך וויל נישט מער
די שרעק פון דור זאָל פליסן אין מיר פינצטער.
כ׳וויל ווי דאָס גרעזל זיין, דאָס דינסטע,
וואָס ווערט פון שאָטן נישט געבויגן צו דער ערד.

בלעטער־פאַל

נישט געהערט דעם בלעטער־פאַל —
אין מיין וואַלד הענגט הויך דאָס שווייגן.
ווער איז שולדיק, וואָס די צווייגן
שטאַרצן נאַקעטע, פאַרשוואַרצט?
ווער איז שולדיק, וואָס די צווייגן
האָבן גאָרנישט צום פאַרלירן —
אויסגערינען די קאָלירן
פאַרן אָנקומען פון האַרבסט?

נישט געהערט דעם בלעטער־פאַל —
אין מיין וואַלד הענגט הויך דאָס שווייגן.
בלויז אויף איינעם פון די צווייגן
צאַפּלט רויטערהייט אַ בלאַט.
ווער איז שולדיק, אויב דאָס צווייגל
גיט דעם בלעטער־פאַל צושטייער
דאָס צעגליטע שטיקל פייער —
ס׳האַרץ וואָס כ׳האָב אַמאָל געהאַט?

פון מענטש צו מענטש

מיט באָרוועסע טריט איבער שטעכיקע שטיינער
דער ווייטיק איז טיף,
כאָטש דאָס בלוט זעט נישט קיינער.
וווּהין פירט דיין וועג?
אָ, מען זעט נישט פונדאַנען
קיין מאָכיקן ברעג,
נישט קיין גראָזיקן סאַמעט,
וואָס זאָל דיינע פיס פון דער מידקייט באַפרייען
און לעשן מיט טוי פון די ווּנדן דאָס פייער.
אַהין, ווּ דו גייסט — כ׳בין פון דאָרטן געקומען.
אויף פעלדזיקער ערד נישט געפונען דעם ברונעם.
געבלאָנדזשעט דורך זאַמד
און דערגרייכט, און דערגאַנגען
צוריק צו דעם אָרט,
צו דעם אָנהייב פון וואַנדער.
אויך איך האָב געמיינט, אַז די וועגן, וואָס פירן
פון מענטש ביז צו מענטש, זענען אָפן, ווי טירן.
געמיינט... כ׳האָב געמיינט:
ס׳איז די שוועל נישט קיין הויכע.
גענוג מיטן לאָמפּ פונעם האַרץ צו באַלויכטן,
גענוג בלויז איין שפּאַן, ס׳איז דער וועג אַזוי נאָענט.
דו זעסט אין די ווייטן אַ פּאַסמע בלוי-גראָע?
דאָס גיסט זיך צונויף מיט דער ערדקנויל דער הימל.
וועסט גיכער אַהין, צו די וואָלקנס דערשווימען,
וועסט גיכער דערגיין צו דעם מלכות פון טויטע.
איך ווייס:
דו וועסט גיין, ווייל דער גאַנג איז דיר נייטיק.
קוים שטעלסטו זיך אָפּ ווערט דאָס לעבן אַ מידבר.
וועסט פאַלן און אויפשטיין און ווידער גיין, ווידער
דעם זעלביקן וועג, אַ פאַראייניזאַמטער, איינער,
מיט באָרוועסע טריט איבער שטעכיקע שטיינער.

ערב־פרילינג

מיין באַרוועסע האַנט — דער געטרייער שליח
צום פרילינג, וואָס איז נאָך נישטאָ אויף דער ערד —
זי האָט אים די ערשטע דערזען און דערהערט,
געבראַכט אים צו מיר אויף שפּיץ־פינגער מיט וויטיק,
אין בלייכקייט פון דאָרשטיקער הויט אים געבראַכט,
אין שטילן געבעט, צו אַ האַנט, צו אַ צווייטער,
אַז זי זאָל באַצווינגען מיט מילדקייט און מאַכט,
און פירן אַנטקעגן אַ פרילינג אַ נייעם,
וואָס ווייסט נאָך אַליין נישט, אַז ער איז שוין דאָ,
פון קנייטשן דעם צאַפּל פון האַרץ צו באַפרייען,
צערייסן דעם שלייער פון זילבערנע האָר,
און טרינקען די פרייד, וואָס איז נאָך נישט געקומען,
קאָלירן, וואָס וועלן ערשט מאָרגן זיין בלומען,
מעלאָדיעס, וואָס זענען קוים קלאַנגען, נישט מער.
מיין באַרוועסע האַנט, דער געטרייער שליח
צום פרילינג, וואָס איז נאָך נישטאָ אויף דער ערד —
ביז וואַנען ס׳איז ווין פאַר מיין האַרץ נישט פאַרווערט,
פיל אָן אַלע בעכער מיט גאָלדענעם ציטער,
בענק אויס אַלע בענקשאַפטן באַרוועסערהייט.

זאָל קיינער נישט וויסן, ווי ביטער, ווי ביטער
סע איז פאַר די ליפּן געגנבעטע פרייד.

דורך פירעק פון פענצטער

דורך פירעק פון אָפענעם פענצטער
כ׳לאָז אַ קריגל אַראָפּ אינעם ברונעם פון נאַכט —
אַ פישער זיין נעץ אין קרישטאָלענעם וואַסער.
וואָס וועט מיר ברענגען דער פאַנג?
עם פליוסקעט די פינצטערניש האַסטיק,
אַ כוואַליע צו כוואַליע דערלאַנגט
אַ מעשה, פאַרטראַכט פון געשפענסטער,
אין בייזע חלומות פאַרטראַכט:
ס׳האָט עמעץ דורך פירעק פון פענצטער
דערטרונקען זיין האַרץ אינעם ברונעם פון נאַכט.

מיין קינד האָט אַ בלעטל...

מיין קינד האָט אַ בלעטל געבראַכט פונעם גאָרטן,
אַ רויטן, האַלב-טרוקענעם, בלעכענעם בלאַט.
פאַרוואָס האָסטו, קינד מיינס,
דעם צער נישט פאַרשפּאָרט מיר?
זע, ס'האָט מיט אַ מאָל זיך מיין הייזל פון קאָרטן
אַ וואַקל געטאָן אינעם האַרבסטיקן חשד.

אַ ווינט האָט צעעפנט די פענצטער, די טירן.
און ברייט, ווי ביי זיך אין דער היים, זיך צעשפּאַרט.
מיט טרוקענע בלעטער, מיט זשאַווער-קאָלירן
אַ ניגון פאַרציען, אַ טאַנץ צו פאַרפירן,
ווי ס'האָט אויף אים עמעץ פון לאַנג דאָ געוואַרט.

און אפשר איז, קינד מיינס, נישט שולדיק דיין בלעטל,
און אפשר איז דאָס נאָר געווען אַ פּרווו?
אין איילעניש כ'האָב צו אַ פרילינג פאַרשפּעטיקט,
דערנאָך האָט, אַ פּוסטע, דער ווינט מיך געבלעטערט
און איצט איז געקומען דער האַרבסט אויף מיין רוף?

צי מוז דען טאַקע זיין אַזוי

צי מוז דען טאַקע זיין אַזוי,
אַז בלוט זאָל יעדער וואַסער-קוואַל באַפאַרבן?
אַן פייכטקייט וועלן דאָך די גערטנער שטאַרבן
און היים וועט פאַלן טוי.

צי מוז אַזוי דען טאַקע זיין,
אַז פאַרן אויג נישט קלעקן זאָל איין הימל?
זיין טראָפּן וואַסער קומט אַ יעדן בלימל,
און יעדעס אויג איז בלינד אָן שיין.

און אפשר מוז נישט זיין אַזוי?
אַ שלעכטע האַנט צינדט אפשר אָן דאָס פייער,
אַ שאָטן, וועמען ס'איז די ערד נישט טייער
און נישט די בלום און נישט דער הימל-בלוי?

בלָיונג

דער וואַלד איז אַריין אין מיין צימער
דורך אָפֿענעם פֿענצטער אין חושך.
געלאָזן אינדרויסן דעם הימל,
די שטערן געלאָזן אינדרויסן.

דאָס אויג, אַ פֿאַרלאָפֿנס מיט אימה,
אַראָפּ איז אין נאַכט, ווי אַ טויכער.
דערזעען דורך שוואַרצקייט פֿון ביימער
אַ ליכטל זיך מיניען און לויכטן.
ביסט דאָ? — האָט געקלונגען דאָס שווייגן.
ביסט דאָ? — האָבן גלעקער געקלונגען.

אין דער נאַכט
האָט צעבליט זיך אַ צווייגל,
אין בלָיונג פֿאַרגאַנגען — אַ יינגערס.

אַ וויג־ליד

ליוּלי, ליוּלי פייער פון מיין האַרץ,
לעש זיך אויס, פאַרגיי אין טיפן שלאָף.
ס׳נידערן צו טאָלן שוואַרצע שאָף,
נאַכט פאַרהענגט דעם שטערן־וועג מיט שוואַרץ —
דו פלאַקערסט אַלץ, דו פלאַקערסט אַלץ
און גרייטסט פאַר מיר אַ שייטער נאָך אַ שייטער.

ליוּלי, ליוּלי, ברענענדיקער ווינט,
קיל זיך אָפּ אין אַש פון מיינע האָר,
אין דער טרער, וואָס איז שוין מער נישט קלאָר,
אין געשריי, וואָס בלייבט מיר שטיין אין האַלדז —
דו פלאַקערסט אַלץ, דו פלאַקערסט אַלץ
און גיסט אויף שפּאָט אַרוים מיך און געלעכטער.

ליוּלי, ליוּ, צעבונטעוועטע קראַפט,
נעם זיי איין, די גליִענדיקע שלענג,
ס׳איז מיין ברוסט אַצינד פאַר זיי צו ענג —
ווער פון אונדז האָט וועמען אָפּגענאַרט?
לעש זיך אויס, אויב נישט — גיי אויף אין בראַנד
און שרפה אויס דעם ציטער פון מיין האַנט.

נאָר דו

שטיל,
ס'איז דאָ קיינער נישטאָ.
אַ רויִקע שטעק איך אין נאַכט.
מיין האַרץ איז פאַרמאַכט ווי די נאַכט —
אַ שלאָס יעדע נאַכטיקע שעה.

שטיל,
ס'איז דאָ קיינער נישטאָ.
ווער קאָן אין אַ נאַכט אַזאַ זיין
אין קרייז פון מיין עלנטער רו,
אין קרייז פון מיין רויִקער פּיין? —
נאָר דו.

איך האָב געוואָלט

איך האָב אַ זון דיר זיין געוואָלט
און איך אַ שאָטן אויסגעלאָזט זיך.
האָט פון דער זון דאָס הייסע גאָלד
אין קאַלטן אַש זיך אויסגעגאָסן.

איך האָב אַ זון דיר זיין געוואָלט
און נאָכגיין דיינע טריט מיט גאָלד —
האָסט נאָך אַ דעמערונג פאַרבענקט זיך.
איצט ווילסטו זון, איצט רופסטו: שיַין.
און איך קען נאָר אַ שאָטן זיין,
אַ דעמערונג. נישט מער.

וואַרט ביים סקווערל

וואַרט אויף מיר לעם בוים, ביים סקווערל
נאָכן זונפאַרגאַנג, ווען שטערן
הייבן אָן זיך אויסצושיילן
פונעם בלויען אומעטום.

בעט נישט איך זאָל קומען פריער —
אין מיין גאָרטן בלומען בליִען,
צווישן מיינע שיינע קווייטן
איז פאַראַן אַ קראַנקע בלום.

יעדער זון־שטראַל שטעכט איר וויִע,
יעדער ליכט־פלעק לעשט איר בליִונג,
רו געפינען אירע בלעטער
נאָר אין שאָטן פון מיין האַנט.

ערשט ווען אָוונט־גרויקייט נידערט,
וואַכט זי אויף, צעבליִט זי ווידער;
מילדע שטערן — זיי באַהאַלטן
אוים דעם סוד, אַז זי איז קראַנק.

מילך־שיין גלעט איר אוים די קנייטשן,
צינדט אַ ליכט אָן, וואָס פאַרגייט שוין,
און עס דאַכט זיך, גלייך מיט אַלע
גאָרטן־בלומען איז מיין בלום.

און דערפאַר — וואַרט צו ביים סקווערל
ביז דעם זונפאַרגאַנג, ווען שטערן
הייבן אָן זיך אויסצושיילן
פונעם בלויען אומעטום...

גערטנער, באַגיס דיינע בלומיקע בייטן...

גערטנער, באַגים דיינע בלומיקע בייטן
און טראַכט נישט, אַז זיי וועלן שטאַרבן.
דיך וועט אַן אַנדערער גערטנער פאַרבייטן,
זיי — אַנדערע דופטן און פאַרבן.

אַ שמעטערלינג וויגט זיך אין טאַקט פון זיין ניגון —
צום לעבן איין שעה נאָר געבליבן.
און דאָך איז זיין גאָלדענער טאַנץ נישט קיין ליגן,
און ס׳איז נישט קיין ליגן זיין ליבע.

גים אוים, ווי אַ סם, פונעם בעכער דאָס וויסן,
פון טראַכטן באַפריי כאָטש דעם פרילינג.
דו מוזט דיינע בלומיקע בייטן באַגיסן,
קיין בלום זאָל נישט ווערן פאַרטיליקט.

דאָס שליסעלע צו דיר...

דאָס שליסעלע צו דיר,
וואָס כ׳זוך אַ לעבן לאַנג,
איך זוך און ווייס נישט
צי איך וועל עס ווען געפינען;
דאָס שליסעלע צו דיר —
אָ, ס׳מוז אַוודאי זיין ווי גאָלד זיין קלאַנג,
ניין, ס׳מוז פון גאָלד
אַוודאי קלינגען דינער.

דאָס שליסעלע צו דיר,
וואָס דאַרף צום ריינסטן קוואַל
מיר אַלע וועגן עפענען און ווייזן
דעם היכל, ווו דיין האַרץ
קלאַפּט לויכטנדיק-צעשטראַלט —
צי קאָן אַ שליסעלע אַזאַ
דען זיין פון קאַלטן אייזן?...

אויב ס׳איז אפילו וואָר,
אַז אין דיין טיפעניש
הילכט אָפּ געוואַי פון וועלף,
פון נישט געשטילטער שנאה —
דאָס שליסעלע צו דיר,
צו דיין פאַרמאַכטער שוועל,
וועל זוכן מיט געזאַנג,
כאָטש כ׳ווייס נישט צי איך וועל
דאָס ווען געפינען.

כ׳האָב מורא

כ׳האָב מורא די שעה זאָל נישט קומען אויף מיר,
ווען פֿאַרמישט פֿאַר מיין אויג סע וועט ווערן
די שיין פֿון לבנה, איר זילבער-קאָליר
מיט גלאַנץ פֿון לאַמטערן.

דעם האַרץ זאָל, חלילה, נישט ווערן אַלצאיינס,
וועלכע ליכטן באַשיינען דעם וועג אים,
אַבי צו אַ היימישער קליאַמקע דערגיין,
צו אַ וואַרעם געלעגער.

רייס אָפּ די צייטיק־געוואָרענע שטילקייט

רייס אָפּ די צייטיק־געוואָרענע שטילקייט.
זי וועט אַראָפּפאַלן אויף מיינע הענט
ווי אַ פרוכט, אַ רייפע, אויף גראָז.
וואָס וועט דעמאָלט זיין?

צעשנייד דאָס שווייגן אויף צווייען —
צעטייל זיך מיט מיר מיט דיין וואָרט,
אויסגעטראַכטן אין חלום.
ווער זאָלסט נישט זיין,
וווּהין זאָלסט נישט ווענדן דיין טראָט,
וועל מיטגיין.
פאַר איין מעשהלע פון טויזנט און איין נאַכט,
וועל אָפּגעבן אַלץ, וואָס כ׳פאַרמאָג.

מ אַ כ ט

דיין ערד איז גרוי ווי אַש און האַרט,
פון טרוקעניש צעשפּאָלטן.
אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל דאַרט
און פּאַלט צו מיינע פיס —
איך האַלט אין האַנט דיין גורל.

ס׳איז נאָר געווענדט אין מיין קאַפּריז,
אין ווילן מיינעם גוטן,
אַז פון דער קרוג זאָל טאָן אַ פליס
אַ קאַלטער וואַסער־שטראָם,
אַ שטראָם פון לעבן אויף דיין וואָרצל.

ווי ליב ס׳איז דער געדאַנק, ווי זיס
דעם קליינעם האַרץ צו וויסן,
אַז כ׳קאָן דיך טרעטן מיט די פיס,
באַגנעדיקן איך קאָן דיך.
ס׳איז נאָר געווענדט אין מיין קאַפּריז,
געווענדט אין מיר.

מיין גאָט!

נישט נאָר אַ צווייַג

וואַלד איז אָנגעכמורעט, ברוגז.
גייט פאַרביי, ווי לעם אַ פרעמדער.
רמזים־פול און פול מיט סודות —
גאָר אַן אַנדערער, ווי שטענדיק.

ס׳איז זיין רוגז אַ גערעכטער
און דאָס שווייגעניש, דאָס גרינע:
אָן אַ גוטע נאַכט האָב נעכטן
אים פאַרלאָזט אין מיטן דרינען.

גיי דערצייל אים אויס דעם אמת:
נישט בלויז צווייַג אין וועלדער וויאַנעט.

אָן אַ גוטע נאַכט איז עמעץ
ווייט אַוועקגעגאַן פון דאַנען...

פרילינג מיינער

פרילינג מיינער,
איינער פון די לעצטע,
איך רוף צו דיר מיט אַ געבעט,
איך מאָן
אין נאָמען פון אַ האַרץ,
וואָס איז געווען דיר אונטערטעניק
פון ווילן אייגענעם,
דיך פאַר זיין האַר געקרוינט.
איך רוף צו דיר:
באַווייז אַ נס —
פון פינצטערניש, וואָס איז אין מיר,
פון שטערן אויסגעלאָשענע,
און נאַכט,
פון גליק צען מאָל פאַרלוירענעם
און ליבע, אויסגעלאַכטע בייז,
פאַרגוואַלדיקטע אין מיטן גאַס,
פון בלוט פאַרגאָסענעם,
וואָס קרייזט אין מיינע אָדערן ווי פייער —
שטראַל אויס אַ ליכט,
אַ קראַפט, אַ ליכטיקע אין מיר,
אַ ליכט, וואָס זאָל נישט טראָגן
אין איר אינגעווייד קיין שאָטן.
קלייב אויף די בלומען, וואָס איך האָב צעזייט
און רוף צונויף פון אַלע עקן זייער אומעט.
באַווייז אַ נס,
און קער זיי אום מיר גאַנצערהייט,
די נאָך נישט אויפגעגאַנגענע
און די, וואָס זענען, קוים צעבליטע,
אומגעקומען.

אַ פרימאָרגן אין וואַלד

דער טאָג איז אויפגעגאַן אַ גאַנצער —
דער הימל אָפּגעטיילט פון ערד קוים אויף אַ האָר.
פאַרהאַלט דעם טראַט.
דו זעסט אַ טראָפּן טוי דאָרט גלאַנצן?
צעטרעטסטו אים —
וועט ערגעץ־ווו
אַ טרער אַראָפּפאַלן אויף האָר.

ס'וועט דעמאָלט ווערן אָנגערירט די שלימות,
אַ פּגם אין לויטערקייט פון שטראַל.
ס'וועט ערגעץ־ווו אַ פייער
פאַלן צווישן ביימער
און אָנצינדן דעם וואַלד.

אַן אומגליק קאָן געשען —
אַ מענטש זאָל ווו, חלילה, נכשל ווערן,
אוים שרעק,
פאַר כבוד וועגן, צי פאַר גאָלד,
דעם אייגענעם געוויסן פאַלש צו שווערן,
מגולגל ווערן אין אַ וואָלף.

ביז וואַנען ס'איז נאָך דער פרימאָרגן גאַנץ,
ווי גאַנץ סע איז דער עפּל, איידער
אַ וואָרעם האָט אים נישט געשעדיקט —
פאַרהיט דעם קליינעם טראָפּן גלאַנץ.

ווידער

ווידער
הייבט זיך אָן די שפּיל, אויפסניי.
דו רופסט דיין ליאַלקע „טעכטערל",
אויף זיך זאָגסט — „מאַמע".

מיין גאָט,
ווי ווייט איז דען פון דאַנען
ביז אַש אין האָר,
ביז טרערן,
אויסגעגאָסענע פון בליי.

שפּיל, טעכטערל.
דו האָסט
קיין איין מינוט נישט צום פאַרלירן.
שפּיל אוים די שפּיל.
אַלצאיינס, צי נאַריש איז זי,
אָדער קלוג.
באַלד וועט דער בייזער פעטער
אַנקלאַפּן אין טירל,
און הייזעריק אַ בורטשע טאָן: גענוג.

מיין בלום

מיין בלום,
מיין בלימעלע, מיין צאַרטס,
אַ גיכער שטראַל איז פאַר דיין אייגעלע צו שאַרף,
די ערד, אַ נישט-באַוואַסערטע — צו האַרט,
מיט מעסערס שניידן גרעזעלעך צו דינע —
ווי לאָזט מען דיך אַרויס,
מיין בלימעלע, מיין צאַרטס,
ווי לאָזט מען דיך אַרויס
אין וועלט פון רייפער שנאה?

איך לאָד די דרייצן פרילינגס דיינע אָן
מיט וואָפן, וועלכער האָט מיך נישט באַשירעמט,
און היים דיר אָנהייבן אויפסניי דעם קאָן,
וואָס איך האָב נישט געקענט
ביז צו אַ סוף דערפירן.

ווי דין זיי זענען, דיינע קנאָספן —
לויטער זייד,
און איך מושטריר דיך, ווי אַ זעלנער,
זאָלסט דערקענען
לויט פייגל-פּלי אין לופט, פון וועלכער זייט
ס׳קען אָנקומען אַ פּלאָם
דיין גאָרטן צו פאַרברענען.

האַרט, ווי אַ האָגל, פּאַלן מײַנע רייד
און שלאָגן אין דײַן גרינקייט אָן רחמנות.
פון שטיין איז אויסגעהאַקט דאָס ביסל פרייד,
וואָס כ'טייל דיר אוים,
ווען מיט גענויין ביי מיר דו מאָנסט עס.

אָ, זאָל אַ ליגן זיין, וואָס ס'ווייסט מײַן האַרץ,
אַ בייזער חלום — אינעם בלוט דער ציטער.

מײַן בלום, מײַן בלימעלע, מײַן צאַרטס,
ווי זאָל איך דיך, מײַן בלימעלע, פאַרהיטן?

מענטש

צי מיינסטו,
אַז איך האָב נישט ליב די זון,
דעם ליאַרעם פון אַ פויגל־ריי אין לופטן?
אַז טויב בין איך געוואָרן מיט אַ מאָל
און שטום
צו אַלץ, וואָס לעבט
און וואָס צו לעבן רופט מיך?

איז דאָך מיין הויט
אַ ווענטל בלויז, אַ דינס,
וואָס טיילט קוים אָפּ דאָס בלוט
פון זינגענדיקע שטערן.
און ס׳וואַרט אין ליידנשאַפט דאָס האַרץ מיינס
אויף אַ ווינט,
וואָס זאָל דאָס ווענטל אומוואַרפן,
די צוים צעשטערן.

נאָר ס׳האָט אַ מאָל מיך עמעץ
אָנגערופן מענטש.
און איך בין שטאָלץ פון דעם געוואָרן
נישט אויף קיין קאַטאָוועס.
איך האָב אונדז ביידן, אים און זיך
אין יענעם טאָג געבענטשט,
און נעם נישט אָן, זייט יענעם טאָג,
פון קיינעם קיין נדבות.

ניין, מיין נישט,
אַז דער אומעט איז מיר ליב,
אַז פֿון געוווינהייט איז מיר
מיטן אומעט לייכטער.
עס קאָן נישט, איינגעבויגן,
אויפֿבליען מיין ליד,
ווי ס׳בליען, ביז צו ערד געבויגן,
ווערבעס איבער טייכן.

אַ שפּאַס

פֿאַר אונדז,
פֿאַר מיר און דיר
איז אויסגעפּוצט די גאַס אין בלומען.
ווי לאַנג כ׳בין דאָ שוין נישט געווען.
מיר פּלעגן דאָך טאָג־איין, טאָג־אויס
אַהערצו קומען —
די גאַס איז אונדזערע געווען.
ווי האַלט עס מיט דיין האַרץ?
מיינס וויל נישט אויסהאַלטן
דעם שפּאַס,
אַז נישט פֿאַר אונדז איז אויסגעפּוצט
אין בלומען הייַנט די גאַס.

פ ר ע מ ד ע

מיינע זענט איר, גראָז און בלומען,
כ'רייד צו אייך און איר פאַרשטייט מיך.
כ'שוויג צו אייך — איר הערט מיך אויס.
מיט מיין שמייכל לאַכט איר מיט,
ביז איך הער פונוויטנס — טריט.

צי איך גלייכגילט אָן אויף אויגן —
גלעזלעך צווייי, וואָס זעען גאָרנישט.
ס'איילט אַ דורכגייער אינערגעץ.
טאָמער זאָגן זיי: מען טאָרנישט,
טאָמער זאָגן זיי, די טריט:
נישט פאַר פרעמדע גרינט און בליט.

הייב איך אויף דעם קאָפּ און הייס אים
זיך נישט איינבייגן, ביז וואַנען
ס'וועלן טריט פאַרשטומט נישט ווערן.
און פאַר פלייצעס ווערט אַלץ שווערער
די הכנעהדיקע שטאַלץ.

ווען אַלע ליכטן...

ווען אַלע ליכטן לעשן אויס זיך מיט אַ מאָל,
וואָלט איך געזאָגט:
פאַרפאַלן.
ניטש נאַכט איז פּלוצעם צוגעפאַלן —
אַזוי זעט אויס דער טאָג.

נאָר ליכטן לעשן בּיסלעכווייז זיך אויס,
זיי צאַנקען איינציקווייז,
און צאַנקענדיקע שרייען,
אַז דאָס איז נאַכט,
און אַז די פינצטערניש איז גרויס,
ווייל ס'לעשט זיך אויס
אַ פייער נאָך אַ פייער.

ביז וואַנען

ביז וואַנען דער גומען
לעכצט נאָך אַ טראָפּנדל
וואַסער פון ברונעם;
ביז וואַנען דאָס אויג
קאָן אין פינצטערניש טראָגן
די ליכט-שיין פון שטראַלן,
וואָס דאַרפן ערשט טאָגן;
ווי לאַנג נאָך די הויט
גיט זיך איבער צו ווינטן
דאָס בלוט אין זיי רייצן
און שטורעם צעוויגן;
ביז וואַנען די שטילקייט
איז אָנהייב פון ניגון;
ביז וואַנען מיר קענען נאָך
שווייגן אינצווייען —
פרעג נישט ביי מיר,
צי איך קאָן זיך נאָך פרייען.

אָנהייב האַרבסט

אַן אָנהייב האַרבסט
האָט אָפּגענאַרט דעם גאָרטן —
אַ שאָט געטאָן מיט ליכט און פלאַם,
מיט צערטלעכקייטן. נישט דערזאָגטע
פון ווינט צו צווייג,
פון צווייג צו שטאַם,
און ס׳האָט אַ קנאָספּ זיך דאָ און דאָרט
פאַרבונדן,
אַ בלום האָט אויפגעבליט
און האָט זיך נישט געוווּנדערט
און נישט געשעמט זיך מיט איר בליִונג
פאַר דער וועלט.
איך האָב געדאַרפט עס אפשר וואָרענען,
דאָס בלימל,
אַז היינט, נאָך היינט
קאָן זיך אַ שיט טאָן פונעם הימל
אַ האַרבסטיקע, פאַרניכטנדיקע קעלט.
איך האָב געדאַרפט זי אפשר צונעמען,
די בלום, פון דאָרטן,
און אויסבאַהאַלטן פונעם פרילינגדיקן האַרבסט,
ווען אָפּגענאַרט איך זאָל אַליין נישט זיין,
ווי יענער גאָרטן,
און ווי די בלום, באַדראָט
ווען ס׳זאָל נישט זיין מיין האַרץ.

די בלום אין דער לײמענער קרוג

די בלום אין דער לײמענער קרוג
האָט איר שאָטן געמאָלט אויף דער וואַנט.
וואָס ציט זיך צום שאָטן מײַן האַנט,
און נישט צו דער בלום אין דער קרוג?

די בלום אין דער קרוג אויף מײַן טיש
מיט האַרבסטיקן זשאַווער באַדעקט.
דער שאָטן איז ריין פֿונעם פֿלעק,
דער האַרבסטיקער זשאַווער — פֿאַרווישט.

די בלום אויף דער וואַנט — אַזוי צאַרט.
אין קריגל- — אַ בלעטל פֿאַרוועלקט.
דאָס ווערסטו אַזוי זיך, מײַן האַרץ,
אַנטקעגן דעם האַרבסט אויף דײַן שוועל?

אַ טראָפּן זון

אַ טראָפּן זון
איז אויף מיין וווּנד געפֿאַלן
און איז געוואָרן אין איר דערטרונקען.
פֿון דאַן אָן טריפֿט מיין וווּנד מיט פֿונקען —
אַלע זעען זי, אַלע.

און איך —
כ׳בין נישט קיין בעטלער
אויף טרעפּ פֿון קלויסטערס,
וואָס שטרעקט צו דורכגייער זיין מום אוים.
פֿאַרבלייב מיין וווּנד, אַ נישט־אַנטבלויזטע
פֿאַר פֿרעמדן אויג,
פֿאַר האַלבֿ רחמנות.

נישט קיין טראָפּן זון —
אַ פֿולע,
אַ צעפּלאַקערטע, אַ גוטע.
און אויב נישט — איז שמע ישראל,
ברען מיין וווּנד,
באַגים מיט בלוט זיך.

צוויי טרערן

די לבנה אויף יענער זייט מויער
איז גאַנץ.
איך ווייס:
צו מיין פענצטער וועט זי דערגיין
שוין אַ צעבראָכענע.
נאָר די טרער מוז בלייבן
קיילעכדיק און גאַנץ,
אַזוי ווי די לבנה
אויף יענער זייט מויער.
קוים רירסטו זי אָן,
וועט זי, די טרער,
ווי קוועקזילבער צעשפּאַלטן זיך
און מיין אויג וועלן בריִען
צוויי טרערן.

פלאָנטער

גאַסן צעלאָפּענע,
מענטשן צעשאָטענע —
איך האָב פאַרלוירן דעם פאָדעם וואָס בינדט.
אַזוי איז געשען מיט מיר.
אויגן פאַרשאָטנטע
קוקן און זעען נישט —
בלינד.

אַזוי איז געשען מיט מיר.
פאַר וואָס איז געשען אַזוי?
כ׳וואָלט נעכטן אַזאַ נישט דערקענט.
איינזאַם אין מיט פון שטאָט,
וואָס זוכט ער, דער מענטש אין גרוי,
דער מענטש מיט צעלאָפּענע הענט?

ווי אַזוי וועלן אויפכאַפּן
אויגן, וואָס זעען נישט,
דעם שטראַל
אינעם טויבן מיש-מאַש,
ער זאָל אויף איין רגע בלויז
דעם גרויען פאַרזעעניש
צעשניידן דעם פלאָנטער פון גאַס?

בלומען

בלומען־מצבות אויף זייערע קברים,
ווי ביטער מוז זיין אייער זאַפט
און ווי אָרעם אין פאַרבן
די קנאָספּן אויף צווייגלעך.
פאַרשאָלטן,
פאַראורטיילט צום אייביקן שווייגן,
קיין בין זאָל נישט טרינקען פון אייערע בעכער,
פון גיפטיקן האָניק
די סודות פון נעכטן.

און אפשר
געגערטע דורך זייערע ביינער,
צעוואַקסט איר זיך זאַטע אין פאַרבן
און שיינע,
אַז ס׳גיט זיך דאָס אויג, אַ פאַרבלענדטס,
נישט קיין וואַקל
די פאַרבן צו טרינקען און ניכטער צו בלייבן,
קיין טרער זאָל נישט פאַלן
אין אָפּגרונט פון שווייגן.

זיי האָבן אַ מאָל אייך באַזונגען אין לידער,
אין קראַנצן געפלאָכטן,
געגרייט אייך פאַר זיגן.
די איינציקע האָט איר געהערט זייער ווידוי,
די לעצטע — דעם קרעכץ
פון געבראָכענע פליגל.

איך וואַרט אויף אַ פרילינג און ווייס:
ער וועט קומען,
געזאַנג צו באַפרייען פון אונטער די בלומען,
און בלומען באַפרייען פון בלוטיקע פלעקן.

ביז דאַן וועט אַ יעטוועדער בלימל מיך שרעקן
מיט לידער דערשטיקטע
פון ערגעץ געבראַכטע,
מיט קברים צעזייטע אויף וועגן פאַרמאַכטע.

אַ נאַכט

אויב כ'ליג מיט אויגן אויפגעריסענע
אין נאַכט,
און רוף דעם שלאָף,
און טרייב דעם שלאָף פון זיך,
ער זאָל מיך נישט פאַרוויגן,
איז נישט דערפאַר,
וואָס איך האָב עפּעס בייזס פאַרטראַכט,
איז נישט דערפאַר,
וואָס ס'זאָגן אין דער נאַכט אַריין
די אויגן מיינע ליגן.

דו הערסט, ווי ס'גייט דורך פינצטערניש
אַ שטיל געשריי?
דאָס בעטן רו ביי מיר
מיט שלאָף פאַרקלעפּטע וויִעס.
נאָר איך —
כ'וועל שעפּן מיט די אויגן,
ווי מיט עמער צוויי,
די ביטערניש פון נאַכט,
סע זאָל וואָס גיכער אָנהייבן
אויף טאָג שאַריען.

ווער איז זי?

ווער איז זי, די,
וואָס קוקט אַרוים צו מיר פון שפּיגל?
איך האָב געזען זי ערגעץ־וווּ, די פרוי.
איך האָב געזען זי ערגעץ־וווּ, אויף שטיגן,
מיט בליק פאַרשעמטן בלאָנדזשען איבער טירן,
ווי איינער, וואָס זיין הויז האָט נישט דערקענט.

איך האָב געטראָפן שטיין זי ביי אַ וואַסער,
איר שאָטן — לאַנג,
פאַרוואָרפן, ווי אַ בריק צום צווייטן ברעג.
באַגעגנט זי אויף איינער פון די גאַסן —
זי האָט ביי דורכגייער דעם וועג צו זיך געפרעגט.

איך האָב געזען זי נאָכגיין אַ לוויה,
פון קרענץ און קליידער רייסן שטיקער קרעפּ
און זינגען אין דער וועלט אַריין
און שרייען,
אַז דער פאַרקלאַמערטער אין שווארצן אָרון — לעבט.

איך זע, ווי היינט, זי קניִען לעם אַ וויגל
און בעטן מחילה ביי אַ זייגקינד מיט געוויין.
ווער איז זי, די,
וואָס קוקט אַרוים צו מיר פון שפּיגל,
פון וואַנען קומט זי,
און וווּהין וועט זי דערגיין?

ערשט נעכטן, דאַכט זיך, האָב איך זי באַגעגנט
אויף מילכוועג קליינבן שטערן אין איר קויש.
ווּ איז דאָס ליכט, וואָס האָט אויף איר גערעגנט,
און ווּ דער ניגון, וואָס האָט איבער איר גערוישט?

כ׳צי אוים די האַנט, דעם גרויעם קאָפּ צו טרייסטן.
זי שטרעקט צו מיר איר אָרעם ציטערדיק און היים.
מיין גאָט,
די פרעמדע פרוי — פון וואַנען ווייסט זי,
אַז איך, אויך איך דאַרף איצט אַ טרייסט?

איבערפלאנצונג

(תל־אביב)

איבערפלאַנצונג

אַ געוויקס,
ווען ס׳פלאַנצט אים איבער
אויף אַן אַנדער בייט דער גערטנער,
ווערן מאַט, ווי אָפּגעשטאָרבן
זיינע ציטערדיקע בלעטער,
ביז זיין וואָרצל שרויפט אריין זיך
אין דער וואַרעמקייט פון נייערד.

ווי וועסט דו, מיין האַרץ, דערטראָגן
דעם געוואַלד פון איבערפלאַנצונג?
דו, וואָס יעדער בלאָז פון ווינטל
מאַכט דיך ציטערן און צאַפּלען,
גרייט דיין בלוט צום איבערגיסן.

ווי וועסט דו דיין וואָרצל שלאָגן,
ליד מיינס, אין דער ערד, ווו אַנדערש
ס׳קלינגט אַ ניגון? דו, וואָס ווייסט נאָר
צו איין האַר זיין אונטערטעניק —
צו מיין האַרץ, וואָס קלאַפּט אין פיבער.

ס׳וועט קיין גערטנער אייך נישט פּלעגן,
ליד מיינס, האַרץ מיינס. נישט באַגיסן
פון זיין קרוג ער וועט די נייערד ,
אייך צו לינדערן דאָס אויפגיין.

נישט קיין גערטנער פלאַנצט אייך איבער —
ס׳האָט אַ ווינט אַרויסגעריסן
און צעשמעטערט צווייגלעך-גלידער,
אָפּגעשניטן אייער ניגון.

נאָך איין פּרוּוו, אַ פּרוּוו אַ לעצטער.
צאָל מיין האַרץ, דו ביסט נישט אָרעם.
אפשר וועט אַ טראָפּן בלוט נאָך
זיך אַ קרייץ טאָן מיט אַ שטורעם,
אפשר וועלן נאָך די קערנער,
כאָטש אויף אַנדער פעלד געזייטע,
אין דער טיף פון נייערד אויפגיין
און זיך אויסשיילן פון ווייטיק.

זאָל נאָר צו שפּעט נישט אָנקומען צו מיר

איך לויף
דורך הרי־חושך, ווייסטעניש,
דורך וואַלד
פון מענטשנפוס נאָך נישט באַטראָטן,
קאָפּ־אַראָפּ אין אָפּגרונט
פאַלט מיין שאָטן —
אַ חיה מיט אַ פייל אין גוף.

דאָס האָט אַ בליק געטראָפן מיט אַ שטיין
אין שויב פון אויג
און אויסגעהאַקט די ליכטן.
איצט וויל פון אויג נישט רינען מער
קיין שמייכל, קיין געוויין,
נאָר בושה ברענט
און יאָגט אַהין,
ווו ס'איז די פינצטערניש געדיכטער.

זאָל נאָר צו שפּעט נישט אָנקומען צו מיר
דער גרויסער גלעזער
מיט זיין ליכטשפּיגל און שויבן
אַ נייע שייַן אַריינשטעלן אין אויג,
ביז וואַנען ס'איז נאָך נישט פאַרהאַקט מיין טיר,
ביז וואַנען פאַר זיין טראָט
איך בין נישט טויב נאָך.

אויב ס׳קאָן מיין וואָרט...

אויב ס׳קאָן מיין וואָרט
קיין וווּנד נישט איבערבינדן,
נישט אויסטרינקען די טרער
נאָך איידער זי איז רייף
— אַראָפּפאַלן פון אויג,

אויב ס׳איז מיין וואָרט
קיין אויסגעשטרעקטע האַנט נישט
צו דעם, וואָס דאַוונט: הילף,
צו דעם, וואָס דאַוונט נישט,
ווייל זיין געבעט איז לאַנג
— שוין אויסגעטריקנט,

אויב ס׳קאָן מיין וואָרט
פון נאַכט צו טאָג די שוועל
נישט איבערטרעטן מיט דער בשורה,
אַז פינצטערניש וועט מער
נישט איינשלינגען די שיַין —

אויב ס׳קאָן מיין וואָרט נישט זיין
קיין טראָפּן טוי אַפילו,
קיין טראָפּן טוי, וואָס פאַלט
אויף אויסגעברענטער ערד,
אויף אויסגעברענטע גלידער —
ווי איז מיר,
וואָס טויג מיר אַזאַ וואָרט,
וואָס טויג דאָס ליד מיר?

נאָר נישט דו

נאָר נישט דו,
נאָר נישט דו
זאָלסט באַצאָלן פֿאַר דעם,
וואָס מיין פעלד ערב-שניט
כ׳האָב פֿאַראַקערט.
נאָר נישט דו זאָלסט, מיין טעכטערל,
בלייבן פֿאַרשעמט,
אויב מיין האַרץ וועט זיך וואַלגערן
ווידער אַ נאַקעטס.

נאָר נישט דיר זאָל איך אָנזעצן,
קינד מיינס, דעם חוב —
זיך אַליין וואָס כ׳בין שולדיק געבליבן,
איז מילא.
כ׳האָב דיר צוגעזאָגט
גאָלדענע שטערן אין שויב —
זאָל כאָטש דיך
זייער גלאַנץ נישט פֿאַרפֿעלן.

ביסט מיר נאָענט. ווי נאָענט
דאָס בלוט איז צו הויט,
ווי נאָענט צום מויל ס׳איז דער אָטעם.
ריים איך שטיקערווייז אָפּ זיך
פֿון דיר מיט געבעט:
אויף דיין וועג
זאָל נישט פֿאַלן מיין שאָטן.

ס׳זאָל עמעצער מיך דאַרפן

ס׳זאָל עמעצער מיך דאַרפן —
כ׳וויל דען מער?
זאָל דאַרפן מיך אַזאַ, ווי כ׳בין.
כאָטש נאָר אַזוי,
ווי ס׳דאַרף איר צווייג די בין —
אַרויסצוזייגן דופט פון בעכער.

ס׳זאָל עמעצער מיך דאַרפן —
כ׳וויל דען מער?
אַזוי מיך דאַרפן,
אַז איך זאָל דערהערן
דאָס אייגן האַרץ, ווי ס׳האַלט אין ווערן,
ווייל עמעץ דאַרף עס,
עמעצן איז נייטיק אַזאַ האַרץ.

פון יענער זייט וואָרט

דו זוכסט מיך אַרום מיט דערשראָקענע אויגן
און רופסט אויף אַ קול מיך,
ווי אונדז זאָלן טיילן מרחקים.
אָט בין איך. לעם דיר.
ס׳האָט אַ נעפּל פאַרצויגן
די גלעזערנע בריקן פון וואָרט,
און דו האָסט זיך, נאַרעלע,
טאַקע דערשראָקן,
אַז ליידיק נאָך מיר
איז געבליבן דאָס אָרט?
אָט בין איך. לעם דיר.

ווי שווער צו דערקומען
פון יענער זייט וואָרט.

בלומענקלאַנג

אויב ס'איז וואָר,
אַז נאָר דער שטאַרקער איז גערעכט,
וואָס וועט מיט אונדז ווערן
בלומען, גראָז מיינס,
קליינטשיקע שטערן,
מיר זענען נישט גערעכט,
מיר קענען זיך נישט ווערן
אַנטקעגן קראַפט פון אייזן און פון אייז.

אפשר אויפהערן צו בליִען,
גרעזעלעך, געננג געגרינט,
מער נישט גליִען אין די הימלען
און דעם ליד באַפעלן: שווייג?

נאָר ווער קאָן דעם גראָז באַפעלן,
אַנשרעקן די קליינע שטערן?
זיי פאַרשטייען נישט אַפילו,
נעבעך, וואָס מען רעדט צו זיי...

קאָן דען בלומען ווער פאַרטרייבן,
אַז זי קען נישט גיין, די בלום?
און דעם קלאַנג? — ער האָט קיין היים נישט,
איז זיין היים דער אומעטום.

ביז וואָס-ווען —
מיין גראָז, צעוואַקסט זיך,
קליינער שטערן, גיי דיין גאַנג.
קלינג און בלי און זינג פאַרעקשנט,
צווילינג מיינער,
בלומענקלאַנג.

אַזוי פיל בריקן

אַזוי פיל בריקן איבערוואַרפן
צו שטערן, וואָס גייען אַרום צווישן בערג,
צו שאָטנס, וואָס גייען אַרום צווישן מענטשן,
אַזוי פיל בריקן.

גיי פרעג ביי דער שפין,
ווי וועבט זי איר שפינוועב
פון אייגענעם מאַרך —
גיי, פרעג ביי דער שפין,
ווי טראָגט זי דאָס איבער,
ווען ווינט, אָדער מענטש
צערייסן איר דינעם געוועב.

די ליכטיקע בריקן
צו שטערן, וואָס גייען אַרום צווישן בערג,
צו שאָטנס, וואָס גייען אַרום צווישן מענטשן —
ווו נעמט די שטאַרקייט
פון שפינען-געוועב?

בענקען

ביסט אויסער מיר
און ביסט אין מיר.
אין קליינעם אומעטום פון אויג,
אין גרויסן אומעטום פון האַרץ,
אין יעדן טראָפּן בלוט, וואָס קלאַפּט
אין שלייפן אוים דעם טראָט פון טויט;
נערסט דעם געדאַנק
און זייגסט אים אוים,
וויגסט איין מיין שלאָף
און רייסט אים אויף
מיט שטיל געזאַנג, מיט הויך געוויין,
וואָס גייען אויף
און זינקען איין
אין בעכער, פול איבערן ראַנד
מיט הייסן, ברענענדיקן דאָרשט.
ביסט אומעטום, ווייל ביסט נישטאָ.
ביסט אומעטום, ווייל כ׳וואַרט אויף דיר.

מ י ט ז י ך

רײם אויף די אויגן,
לאָז אַרײַן
דעם שפּעטן גאַסט,
וואָס איז געקומען צו דײַן שוועל
אין לעצטער רגע ערב חצות.

רײם אויף די שלעסער־וואַך פון טיר.
ווער האָט דײַן שטיל, דערשראָקן האַרץ
געלערנט שטרענג פאַרביסנקייט,
צו שלעכטן וויטיק בלײַבן טרײַ,
אים היטן, ווי מען היט אַפּ גליק?

רײם אויף די טיר.
דער ווייזער וועט
באַלד דורכשטעכן די מיט פון נאַכט,
און אויף דײַן קאָפּ אַראָפּלאָזן
אָנשטערנדיקן שוואַרצן טוך,
און פאַר דײַן שוועל וועט בלײַבן טויט
דער שפּעטער גאַסט, דער לעצטער פונק,
אַן אויסגעטונענער פון שטיין.

ווער האָט דעם צאַפּל פון דײַן האַרץ
פאַרסמט מיט מאָס,
פאַרטויבט מיט וואָג,
אין גרענעצן פון יאָ און ניין
פאַרשפּאַרט די פליגל פון געדאַנק,
דעם הימל צו די פיס געבראַכט,
אַז דו זאָלסט בלײַבן אויף דער ערד?

פון רחמים ווייסן דײַנע הענט —
זיי האָבן מילד, אין ציטערניש

אַ זויגלינג פון דער ברוסט געגערט.
פאַלט טוי דאָך פון דער הייך אויף ערד
אוים רחמים צו איר דאָרשטיקייט.
בינדט איבער דעמערונג מיט גנאָד
און רחמים-פול די ווונד פון טאָג.

נאָר דו ווילסט אויסער רחמים זיין,
ווען יעדער טראָפּן בלוט אין דיר
רופט אויסלייזונג. פאַרטייעט-וואָך —
אַ זעלנער אַ פאַרגעסענער
אין שוואַרצע פעסטונגען פון נאַכט, —
באַצווינגסטו מיט באַפעל דאָס האַרץ,
סע זאָל, אַ היים, קיין פלאַטער טאָן
אין אָפּשיין פון אַן אויג, אַ בלינדם —
אַ ווייסע, קניִענדיקע פאָן.

אָ, מילדער זיי צום האַרץ, ביז ס׳קען
נאָך נעמען רחמים פון דיין האַנט.
ס׳איז ערב חצות. דער ווייזער וועט
באַלד דורכשטעכן די מיט פון נאַכט,
אין שוואַרצע וואַסערן וועט באַלד
אַראָפּפאַלן דער לעצטער קלאַנג,
און בלייכע פישער וועלן שטיל
פאַרוואַרפן זייער נעץ אין נאַכט,
פאַרשטיינערט אָפּוואַרטן דעם פאַנג.

אָ, לאָז אַרוים פון ענגער נעסט
דעם ברענענדיקן פויגל, ער
זאָל אָנצינדן די פינצטערניש,
וואָס קרייזט אַ קרייז אַרום דיין קאָפּ;
אויב נישט, אַן אויסגעלאָשענער,
זאָל ער אַראָפּפאַלן אין תהום,
ווי ס׳פאַלן שטערן אויסגעלאָשענע אַראָפּ.

אַ ליבע־ליד

ווען די בריק
איבער וואַסערן הויכע
וואָלט אַ בלוטיקער ליץ נישט פאַרוואָרפן,
ווי וואָלטן די ברעגן דערשווימען צו זיך,
מיין ברעג און דיינער?

אַ טעות,
דיין ברעג האָט אויף מיר בלויז געוואַרט,
ער איז נישט געשווומען אַנטקעגן.
אַליין כ׳בין געקומען דורך בלוטיקער בריק.
ווי מיינסטו,
ווער ס׳קומט, קאָן אוועקגיין?

חלומות

וואַרטן.
זאָל זיין אויף אַ נס,
וועלכער וועט נישט געשען,
אויף עמעצן,
וואָס האָט פאַרשפּעטיקט צו קומען.
וואַרטן אויף נעכטיקע טעג,
אויף אַ קלאַנג
פון איבערגעריסענע סטרונעס.
וואַרטן אויף עפּעס,
וואָס איז צו דיין שוועל
דורך וווּנדערוועג איין מאָל דערגאַנגען,
און דו האָסט דערזען עס
פאַרוווּנדערט און מיד,
ווען ס׳איז אויסגערינען פון לאַנג שוין.
וואַרטן און פילן
דאָס זידיקע בלוט
פון דעם, וואָס סע לעבט אין דיין טרוים בלויז —
די וואָר, אַ פאַראייביקטע, מילד און געטריי
אין זילבערנער רעם פון חלומות.

פ אַ ר פ אַ ל ן

װי הױך ס'האָט אַ געשרײ געטאָן
דאָס בלעטעלע
בײם פֿאַלן;
װי הױך זי האָט אַ שװײַג געטאָן,
די אַלץ נאָך גרינע צװײַג.
און איך, —
איך האָב פֿאַר בײדן בלױז
דעם גרױזאַמען פ אַ ר פ אַ ל ן,
דעם גרױזאַמען פֿאַרפֿאַלן
פֿאַר אונדז דרײַ.

צו אַ פרעמדן

איידער לאָזסט אַראָפּ
אין בריוו-קאַסטן דעם בריוו,
וואַרט אויס אַ רגע.
אפשר איז צו שפּעט,
און אפשר — נאָך צו פרי,
וואָס האָסט געפרעגט אין בריוו, צו פרעגן.

קענסט אפשר מילדערן אַ וואָרט —
ס'איז וויכטיק, פריינד,
ס'איז זייער וויכטיק
אַ קרעכץ זאָל ווערן עמעצן פאַרשפּאָרט,
אַז אויף איין אויגנבליק זאָל עמעצן
אין נאַכט-שעה ווערן ליכטיק.

איך ווייס נישט, וואָס דו שרייבסט אין בריוו,
און נישט צו וועמען
האָסט דעם בריוו געשריבן.
איך ווייס נאָר, אַז איך וואַרט,
כ'וואַרט אויף אַ וואָרט אַ מילדס,
איז אפשר אין דיין בריוו אַ ליידיק אָרט
פאַר איין וואָרט אַזאַ געבליבן.

קליין־גליק

האָסט אָפּגעווישט די בלום פון שטויב —
אַ דאַנק.
אַ דאַנק דערפאַר, וואָס האָסט געלויבט
דעם זון־פאַרגאַנג.
האָסט ליבלעך צו אַ קינד גערעדט —
אַ דאַנק.
אַ דאַנק דערפאַר, וואָס האָסט געגלעט
אַ האַנט.
ס'איז בין־השמשות מילד און קלוג
און ציטערט, ווי אַ בלאַט.
פרעג נישט, צי איך האָב גענוג,
צי איך בין זאַט.

ביי די ברעגן פון כנרת

נישט טראַכטן,
נישט טראַכטן,
נאָר טרינקען די גרינקייט,
די בלויקייט, די גרויקייט
פון כוואַליע און באַרג.
נישט זוכן דעם ווייטיק
אין ווינטן צעשפּרייטע
פון זון, וואָס פאַרגייט,
פון דערטרונקענעם קלאַנג.

נישט טראַכטן,
נישט טראַכטן.
אין טלית פון שטילקייט
פאַרוויקלען געשריי,
וואָס באַפאַלט דיך און וואַרגט.
אויף וואַסערן לאָזן
אַ שיפל — אַ תפילה
צו בלויקייט, צו גרויקייט
פון כוואַליע און באַרג.

ווי גוט

ביז וועסט צוגיין נענטער,
וועל באַווייזן עפענען די אויגן —
ווי לאַנג דען דויערט אויפמאַכן אַן אויג?
און דו, דו וועסט נישט וויסן,
וואָס איך האָב געזען
מיט אויגן צוגעמאַכטע,
ווו איך בין געווען,
פון וועלכן וויטן וועג איך קום.

ווי גוט, וואָס אויגן עפענען זיך שטיל,
פאַרמאַכן זיך
אָן שליסל.
קיינער הערט נישט, ווען איך גיי אַוועק,
און ווען איך קום צוריק.

תהום

נישט קוק אַריין אין מיר.
טאָמער וועט דיין בליק,
ווי אַ שטיין,
אַריינגעוואָרפענער אין טיפן וואַסער,
צעברעכן די גרינלעכע שויב,
און דו וועסט דערזען,
און איך וועל דערזען דאָרט
דעם תהום.

צ ו ו י י א י ק י י ט

ווער האָט געוווּסט,
אַז דאָס, וואָס אומצעטיילבאַר איז
ווען מוזן, ווי אַ ברויט,
צעשניידן אויף צווייען?
וועמען פון די מאָנענדיקע
וועל איך שטיל
אָנזאָגן דעם ליגן:
כ'האָב נישט מער?

זאָל נאָר נישט בלייבן אויף מיין טיש
צעשניטן ברויט, פאַרשעמט.

אַ שטראַל

גייען שאָטנס אַרום איבער פעלדער
און רופן מיך מיט.
נאָר אַ שטראַל, ווי אַ בלאַט, אַ פאַרגעלטער
פאַלט אַראָפּ אין דער מיט.

אָ, איך וויל צו אייך, שאָטנס, אַריבער,
צו עלנט פון פעלדער און שטיין.
נאָר דער שטראַל, האַלב פאַרלאָשענער, פיבערט.
און לאָזט נישט פאַרגיין.

דו האָסט געזען אַ מאָל...

רוק אָפּ די נאָענטקייט פון מיר,
די גרענעץ פון מיין הויט
זי זאָל נישט איבערטרעטן.

דו האָסט געזען אַ מאָל,
ווי ס׳ברענען דאַרע בלעטער?
דער פלאַם, ער הייבט נישט אויף זיך
פון דער ערד.

כ׳וויל מער די אָדערן
נישט לאָזן איבערשניידן,
דאָס האַרץ זאָל ווידער זיין
אַ ברייט־צעפראַלטע טיר.

דו האָסט געזען אַ מאָל,
ווי ס׳ברענען דאַרע בלעטער?
כ׳האָב מורא פאַר מיין בלוט,
פאַר זיין קאָליר.

וועך האָט געזאָגט

ער האָט מיט רייד געפּרוּווט
די מוסקלען פון מיינע אָרעמס,
מיט אויג געמאָסטן
דעם כּוח פון מיינע פיס.
איז די זון אַראָפּגעפאַלן
נעבעכדיק און אָרעם,
דער וויינגאָרטן — געוואָרן וויסט,
און די ערד אונטער מיר
האָט געטאָן אַ ציטער.

ווער האָט געזאָגט,
אַז איך בין מסכּים
אונטער עמעצנס וואָרט,
ווי מיט בלוט, זיך באַגיסן מיט שווייס? —
קלאַפּ, האַרץ מיינס, דייטלעך אוים
און האַסטיק,
דאָס וואָס דו ווייסט.

ס׳האָט עמעצער...

ס׳האָט עמעצער געטראָפן מיט אַ שטיין
אין סאַמע מיט פון נאַכט.
ליגט זי, אַ פאַרטראָגענע,
מיט אויגן צוגעמאַכט —
ווי לאָזט מען זי איבער אַליין?

טייבעלע שוואַרצינקע,
פאַרוווּנדעטע אָן שלאַכט,
ס׳טוט מיר אַזוי באַנג,
וואָס אַלע מיינע טרייסטן
זיינען אויסגעגאַנגען
אין איינער אַזאַ נאַכט.

סענטימענטאַל

נעם מיך אָן ביי דער האַנט —
קום אַריבער אויף יענער זייט בריקל,
און ווידער וועט זיין, ווי אַ מאָל:
אין ווינט וועלן צווייגן זיך וויגן,
צום קוואַל וועט אַנטלויפן דער טאָל,
אַ פעלד־בלימל, רויט צווישן גראָזן,
אַ קלאַנג איבער וואַסער צעשיט,
און זון־פלעקן — גאָלדענע האָזן
אויף אונדזערע באָרוועסע טריט.
כ׳וועל פרעגן און מיינען, ווי דעמאָלט,
אַז אַלץ איז פאַרענטפערט און קלאָר.

אָ, זאָג נישט, איך בעט דיך, דעם אמת,
אַז ס׳איז שוין דאָס בריקל נישטאָ.

ווי איך

וואָס וויינט עס,
דאָס זויגלינג,
אַריין אין דער פינצטער?
פאַר נאַכט זיך דערשראָקן?
פאַר אָפענע אויגן
פון שפּיגלען אויף ווענט?
אָדער ס'האָבן אים פּלוצעם
די קלאַנגלאָזע קולות
אין פינצטערע ווינקלען
פון שלאָף אויפגעריסן?
און אפשר,
און אפשר,
האָט מורא דאָס זויגלינג
דעם פּחד, דעם גרויסן
פאַר דעם, וואָס ביי ברעגן
פון נאַכט איז באַהאַלטן —
פאַר רגע, פאַר ערשטער פון ליכט,
וואָס וועט האַסטיק
אַ צי טאָן דעם פאָרהאַנג
פון נאַכטיקע נעפּלען,
די בלוטיקע קויל פונעם טאָג
צו באַווייזן?

וויין, זויגלינג, ביז וואַנען
מען מאָנט נישט קיין חשבון
ביי דיר פון די טרערן.

ביז וואַנען ביסט אויסער
דעם גוטן און שלעכטן,
אָן 'צייכן פון מיטשולד
אויף שטערן.

אָ, מאָרגן, שוין מאָרגן
וועסט גיין דורך דער נאַכטגאַס
מיט שרעק אין שוואַרצאַפּל,
מיט שרעק פאַר דער בלוט־קויל,
ווי איך,
און נישט האָבן קיין טרערן.

גרויסליכט

געשריי איז באַפֿאַלן די נאַכט
מיט פֿאַרבלוטיקטע אויגן.
זאָג, האָסט געהערט דעם געשריי?

אין שויב האָט געצאַפּלט
דערשראָקן אַ פֿויגל,
אין הימל —
פֿאַרגליווערטער שטערן־פֿאַרזיי
און שאָטן־געיעג איבער פּלויטן.

אָ, פּרוּוו נישט פֿאַרשטעלן
דעם חושך מיט טרייסט.
אין צוגווינט פֿון נאַכט
לאָז אַרויס מיך.
כ׳וועל זוכן, ביז וואַנען
דער אָטעם איז היים,
ביי שטערן פֿאַרגליווערטע
גרויסליכט.

אין מידבר פון זאַמד

וואָס איז פריער געקומען
אויף גלייַקן זאַמד:
גרינקייט פון צווייַג,
אָדער פייגל-געזאַנג?

וואָס פרעגסטו זיך נאָך?
זוכסט אַ נעסט פאַר דיין קלאַנג —
אַ שאָטן פון צווייַג
אויפן גלייַקן זאַמד?

און טאָמער געשעט
אַז פון ראַנד ביז צו ראַנד
נישט קיין בוים, נישט קיין צווייַג,
נאָר אַ שאָטן אויף זאַמד,

נאָר אַ שאָטן, וואָס פאַלט
פון דיין איינזאַמער האַנט,
און דער אומרו פון קלאַנג
אינעם מידבר פון זאַמד?

ביי נאַכט אין די נפתלי־בערג

ליכטעלעך,
צעוואָרפן דאָ און דאָרט,
צופוסנס פון בערג,
ביי ראַנדן פון נאַכטיקע שאָטנס —
ווער האָט געוווּסט,
אַז כ׳וועל אַ מאָל מיט פאָרכט
זיך איינהערן אין אייער אָטעם?

איך קום פון ברייטער ערד,
פון גרויסע פייערן,
וואָס האָבן, לייכטנדיק, מיך אויסגעמיטן.
ווער האָט געוווּסט,
אַז מיר וועט זיין אַזוי באַשערט,
דאָס אויג זאָל שעפּן אייך
פון נאַכט אַרוים מיט ציטער?

איך לערן קוים
די שפּראַך פאַרשטיין
פון אייער שיַין,
וואָס זעט מיר אויס אי מילד,
אי גרויזאַם.
ווער האָט געוווּסט, אַז איר וועט וואַרעמען
דעם שטיין,
וואָס וועט פאַרמאַכן אין מיין אויג
אַ לעצטן שטערן־אויפגאַנג.

זאָל פאַרגעסן

אַזוי שמאָל דער וועג געוואָרן,
נידעריק — אַזוי די וואָלקן.
זאָל פאַרגעסן דער זכּרון,
ווער ס'האָט דיך געבענטשט־פאַרשאָלטן,

זאָלסט אויף שמאָלע וועגן קומען
און נישט בענקען נאָך די ברייטן,
אונטער נידעריקע הימלען
הערן הויכע פרייד און ווייטיק.

ר ו י ק י י ט

אַ,

דער שטראָם דער שוימיקער
איז צו זיין אָפּפּלום
נישט דערשווימען —
די כוואַליע זיינע
הייבט זיך,
שטייגט,
און גיסט זיך אויס.
דאָס האָט אַ וואָלקן
אָפּגעריסן זיך פון הימל
און ס׳איז דער טייך
פון ברעג אַרויס.

אַ וואָלקן האָט זיך
אָפּגעריסן פון מיין הימל —
דו זעסט?
איך טו פון ברעגן זיך נישט אויס.

א ו מ ע ט

ניט זוך מיך —
איך גיי דיר אַנטקעגן
מיט אַלע אומעטיקע וועגן,
דורך פאַראיינזאַמטע ביינאַכטן,
אַ פאַרטראַכטע און אַ וואַכע,
איינע, וועלכע האָט פון לאַנג נישט
וואָס און וועמען צו דערציילן,
איינע וועלכע ציילט די שטערן,
ווייל זי האָט נישט וואָס צו ציילן.

מיינע אָרעמס — נישט קיין פליגל
צו די הימלען אויפגעהויבן —
כ׳גיב זיך אונטער, אומעט מיינער,
דיינע אומעטיקע אויגן.

ג ע מ י י נ ט

איך האָב געמיינט,
אַז איינזאַמקייט
קאָן, ווי אַ פאָרהאַנג זיך אָראָפּלאָזן,
פאַרשטעלן פאַרן אויג
צעשריגן-הויכע טריט,

און נישט געוווּסט,
אַז דורכזיכטיק
קאָן זיין אַזוי די איינזאַמקייט —
פון וואָס האָט זי מיך אויסגעלייזט?
אַנטקעגן וואָס — פאַרהיט?

אַ נאַכט אין עמק־הירדן

די נאַכט,
אָ, די נאַכט אינעם טאָל,
וואָס האָט זיך געגרייט
צו אַ בלויעם פרימאָרגן.
פון צווייג איז פאַרשוווּנדן אַ נעסט.
מיט אַ מאָל
איז אַ שטערן אַראָפּ פונעם וועג
און געשטאָרבן —
ביסט זיכער, אַז דאָס
איז אַ שטערן געווען?

ווי גייט מען אַוועק פונעם טאָל,
גלאַט אַזוי,
נאָך אַ נאַכט פון דערשראָקענע
פייגל און ביימער?
דער טאָל פון דער ווייטנס פרימאָרגנט,
און בלויט —
ביזט זיכער, אַז ס'רופט מיך נישט
קיינער?

אין פאַרשלאָסענעם הויז

אויף יענער זייט שוועל
פון פאַרשלאָסענעם הויז
וועסטו וואַרטן אויף מיר
אינעם פירעק פון נאַכט,
און נישט קענען אַרויס
פון פאַרשלאָסענעם הויז —
איך האָב דיך אַהין
אין די אויגן געבראַכט.

אויב וועסט זוכן אַ מאָל
מיט לאַמטערן אָן ליכט
אין אָן עלנטער נאַכט
אַ פאַרלוירענע שײַן —
קלאַפּ אָן שטיל, קום אַריין.
עמעץ וואַרט דאָרט אויף דיר —
ניין, נישט איך.
איך וועל דאָרטן נישט זיין.

ביים ים המלח

דאָ פאַרגייט נישט די זון.
דאָ פאַלט זי אַראָפּ אויף די בערג,
און פון דאָרט —
אינעם וואַדי אַריין,
און פון דאָרט —
צו דעם ים,
אויף זיין גליטשיקער שויב
שטיין צו בלייבן.

פאַרגליווערטער ים,
אָן אַ קנייטש, כוואַליעלאַז,
ער פאַרנעפּלט די בערג
מיט זיין בלויקייט אויף ראַז,
געזאַלצן און פלאַטשיק זיין ווינט.

לאָזט קיין אויג נישט אַראָפּ
פון צעפלאַקערטן דיסק.
אַ פויגל צעשרייט זיך. ער פרעגט
וועד דו ביסט,

אין זאַמד גיט אַ סקריפּע
מיט סקריפּ פון אַ טיר,
דיר דאַכט זיך, אַז עמעצער
שטייט הינטער דיר,
נאָר שטיין שטייט דער מידבר. נאָר ער.

דאָ פֿאַרגייט נישט די זון.
דאָ פֿאַלט זי אַראָפּ אויפֿן ים,
און פֿון דאָרט —
אינעם וואַדי אַריין,
און פֿון דאָרט —
צו די בערג, צו די בערג,
צינדט זיי אָן
מיט איר אייגענעם אַש זיי צו לעשן.

מידבר

מידבר אין אויגן,
ווינטן ביז ווייס אָנגעגליטע — אין הענט,
עלנטקייט שטומע פון קעמל און פויגל
און ברונעם, מיט פייער פאַרשיט און פאַרברענט.

נישט רעגן פון הימלען,
נישט טוי פאַר די ערדן —
פון קוואַל אינעם האַרץ זאָל זיך אָפּטאָן דער שטיין.
אויף קעמל׳ און פויגל,
אויף ברונעם פאַרברענטן
זאָל פאַלן געזאַנג אָן געוויין.

אַ באַגעגעניש מיט אַ פרוי

איך און דו —
מיר ווען זיך נישט קריגן.
דער ערשטער שמייכל בלויז
איז אָנגעקומען שווער.
איך האָב געפרעגט,
ווי טראָגסטו אויפן קאָפּ דאָס קריגל,
נישט מער.

צי דאָס האָב איך געהאַט
אין זינען דיך צו פרעגן?
אויך דו האָסט מיט דיין בליק
נישט וועגן איינס געפרעגט.
מיר האָבן זיך,
פאַרוווּנדערטע, געזעגנט —
פון ווייטן האָט געשלענגלט זיך איין וועג.

ג ר ו י ק י י ט

די גרויקייט ביים שטיין
כ׳האָב געבעטן,
געטריי צו דערטראָגן דעם הימל,
ווי ער.
האָט עמעץ געמיינט,
אַז מען קאָן אויף מיר טרעטן
און בלוט וועט נישט פאַלן
אויף ערד.

זאָל כוח נאָר קלעקן
דאָס וואָרט איינצושטילן —
נאָך ווייט נישט געענדיקט די שפּיל.
די גרויקייט איך נעם
בלויז פון אייגענעם ווילן,
קיין טראָפּן נישט מער,
ווי איך וויל.

איך ווייס

קום אריין ווידער
דורך אַפּענעם פענצטער
מיט נאַסער טשופּרינע
פון טוי צי פון רעגן.
איך בין פון אונדז ביידן
געוואָרן די עלטסטע,
כ׳וועל מער זיך נישט שעמען
צו פרעגן.

מיינסט טאַקע, אַז דאָ
האָט זיך עפּעס געביטן? —
ווי דאַן, זיינען ווינקלען
מיט האַלב־ליכט פאַרצויגן.
נישט קוקנדיק, זע איך
באַהאַלטענעם ציטער
אין גרינלעך־צעעפנטע אויגן.

זיי ליגן, די בלומען,
נאָך אַלץ אין אַ בינטל,
דער ריח פון וואַלד —
נישט אַנטרונען.

וואָס ווילן פון מיר
די משוגענע ווינטן?
איך ווייס: דאָס וועל איך
צו דיר קומען.

אַן ענטפער

מען האָט זיי פאַראורטיילט אָן משפּט
קאָן זיין זייער שופט אַ יעדער.
ווער ס'וויל נאָר דער קומט און דער נישטערט
אין גרינצווייג פון זייערע סעדער.

זיי וועלן, פאַרשטומט, זיך נישט ווערן —
אויף אומוועג צעשאָטענע ביינער.
ווער קאָן זיי, די מענטשן, פאַרווערן
צו שליידערן ווערטער, ווי שטיינער?

נישט בעסער דעם יאָרצייט פאַרשווייגן, —
אַ ליכטל, אַ שוואַרץ, אַנשטאָט ווערטער?

אַזוי פיל צעבראָכענע צווייגן
אין זייערע — אונדזערע גערטנער.

אפשר?

איז דער מידבר,
געטריבן דורך ווילן און שטאָל,
אין די הערצער אריין?
איז די זוניקע בראַנד,
דורך קיין טראָפּן געשטילט,
פון די הערצער באַפאַלן דעם קוואַל?
האָט דאָס אויג פון געפאַר
דורכגעשטאָכן די ברוסט,
אַז פאַרגליווערט געוואָרן איז טרער? —

זאָגסט: ס'איז דורשטיק דאָס לאַנד
און סע מאָנט אונדזער בלוט,
זאָגסט: ס'איז גרויזאַם דאָס לאַנד און גערעכט.
אפשר איז, ווי דו זאָגסט,
אַלע רייד דיינע — וואָר,
אפשר מוז אַזוי זיין, ווי עס איז.

אָבער איך — שטאַרק גענוג
אויפצונעמען אָן חשד
פרייד און ווייטיק צוגלייך,
גרייט צום איינשטילן דאָרשט
מיט געזאַלצענער טרער,
און דעם הונגער — מיט ברויט,
וואָס איז היינט קוים אַ זאַנג, —
פאַר דיין אמת — צו שוואַך מיינע הענט.

אומרו־ערד

דו
שטיקל ערד,
וואָס ביסט פרעמד מיר
ביז נעכטן געווען,
כאָטש מיין וויג האָט דיין נאָמען געקענט.
ערד פון ווינטן און שוויים,
וווּ אַ טראָפּן מען בעטלט ביי גאָט,
וווּ דער שאָטן פאַלט שיטער און קורץ,
נישט קיין אָפּרוּ צו זיין פּאַרן אויג.

ערד פון אומרו,
וווּ פישער און נעץ,
און דער פאַסטעך אין מילד־גרינעם טאָל
זיינען אָפּן פאַר דונער־געשריי.
וווּ דער פויגל אין לופטן שפּאַרט אָן
מיט די פליגלען אין הימלען, אין צוויי,
און פאַר ווידערקול דאַכט זיך צו קליין
איז קרישטאָלענער רוים איבער דיר.

ערד פון אומרו,
זיי קומען נאָך רו
פון די גריבער און רויכן ארוים.
די חשבונות פון נעכטן אַ פּלאַם
אויסגעגלייכט האָט פון לאַנג און פאַרברענט.
בלויז איין חשבון, אַ בלוטיקער, גליט
אין פאַרגליווערטע זייערע הענט,
און מיר דאַכט זיך, איך זע אויף דיין פעלד
ווי סע זאַנגלט זיך גרין זייער בלוט.

און מיר דאַכט זיך,
אַז דו, שטיקל ערד,
ביסט דער הויכער, אַנטרעריקער נ י י ן,
און דער י א אַז דו ביסט פון מיין פאָלק.
זאָל דיין הימל פון פייער זיין ריין,
און פון אומרעכט — די זון איבער דיר.
ערד פון ווינטן און שוויים,
שטיקל ערד,
וואָס ביסט פרעמד מיר ביז נעכטן געווען.

אַ שפּעטע

פון וואָלקנס אַרונטער
און ליכטן,
פון נאָך נישט פאַרלאָשענעם נעכטן,
קומסטו
אַן אומגעריכטע.
אַן אומגערעכטע? —

נישט פאַראַנקערט
אין האַפנס פון שׂכל,
האַלט דיין שיפל צו מיר אין איין שווימען.
איך פאַרליר דיך אין נעפּלען פון צווייפל,
אויף סנײַ צו געפינען.

פון וואַנען דו קומסט —
כ׳וויל נישט וויסן.
אַ שפּעטע, אַ שטילע און קאַרגע.
ווער האָט דיך געלערנט באַגיסן
מיין האַרבסטיקן גאָרטן מיט פאַרבן?

צו טייער

איך וואָלט געקענט
אַזוי פיל גוטע רייד דיר זאָגן,
מיט צאַרטע נעמען רופן דיך
וואָלט איך געקענט.
באַזינגען מילדע, טויִקע פאַרטאָגן
און בענטשן ווונדיקע,
אין פיין געניטע הענט.

איז דאָך נישט בלינד דאָס אויג
צו זען די מי פון ווערן,
דעם גאַנג פון וואָרצל
דורך פאַרשטיינטער ערד.
איך וואָלט געקענט דערציילן דיינע שטערן,
ווי עפּעס, אַ פאַרלוירנס,
האָט זיך אומגעקערט.

צו טייער אָבער
האָט דער וועג צו דיר געקאָסט מיך,
אַז האַלבע אמתן,
זיי זאָלן ברענגען רו.
נישט ווייטיק בלויז
האָב הינטער זיך געלאָזן,
און נישט פאַרשטומט געוואָרן
איז דער גלאָק אין ברוסט.

כ׳ריים קיילעכדיקע רייד
אראָפּ פון מיינע ליפּן,
כאָטש לייכטער וואָלט געווען מיט זיי.
איך קאָן די שאַרף
פון ווערטער-בליקן,
און ווייס, אַז איינזאַמקייט טוט וויי.

נאָר איך וועל אויסטראָגן,
וואָס טראָגן איז מיר אָנגעצייכנט,
זאָל ווייטיק ווידער
מיר ניט זיין פאַרשפּאָרט.
איך וויל ניט אויסבייטן
דעם אומרו אויף אַ שמייכל,
כאָטש כ׳בענק אַזוי
נאָך אַ צעשמייכלט וואָרט.

אומעטיקע מענטשן

גלייב נישט מיין קינד,
אַז דאָס צווייגל וועט וויאַנען
מיט אָנקום פון נאַכט.
אַז נאָר אין דער הייך
זענען שטערן פאַראַנען —
דאָס האָבן אומעטיקע מענטשן
אויסגעטראַכט.

אין גערטנדל אונדזערם
האָט פרילינג געגעכטיקט
און שטערן פאַרזייט.
באַגים זיי, מיין קינד,
פון דיין זילבערנעם בעכער
מיט זיבעצניעריקער פרייד.

נאָר זאָלסט נישט פאַרזאַמען,
ווען ס׳צייטיקן שטערן,
אין גאָרטן אַרוים מיט דיין קויש,
זיי זאָלן אין הייך נישט אַוועק,
אויף צו ווערן
אַ חלום, וואָס לאָזט זיך נישט אויס.

איין און איינציקער טאָג

דער היינטיקער טאָג
וועט נישט זיין, ווי ער איז,
נאָר אַזאַ ווי איך וויל ער זאָל זיין.
וועל איך גיין צווישן מענטשן
און טיילן אומזיסט
פולע בעכער פאַרכישופטן וויין.
אין אַ יעדערנס אויגן אַריינקוקן טיף,
אויסצושעפּן דעם אומעט פון דאָרט.
פאַרן איינזאַמען האָב איך
אַ וואַרעמען בריוו,
פאַר אַנטשוויגענעם —
קלאַנג פון פאַרלוירענעם וואָרט,
און פאַר מידע —
די ברכה פון רו.
איך וועל לינדערן ווײ
פון געפייניקטן גוף,
און דערטראָגן אַ שמייכל צו די,
וועלכע האָבן געמאַכט אַ פאַרצווייפלטן פרווו
און געפאַלן, פאַרשמאַכט, אויף די קני.

איין און איינציקער טאָג.
האָט רחמנות אויף מיר.
נעמט די בעכער מיט גלויביקע הענט.
זאָל נישט ווערן פאַרסמט
פונעם וויין דער קאָליר,
און זיין קוואַל
אויסגעדאַרט און פאַרשעמט.

ווען ס׳וועט אַ צווייג

איז ווער האָט דיר געזאָגט,
אַז כ׳בין געוואָרן קלוג,
אַז איך באַזיץ די קונסט
פון וועגן און פון מעסטן,
און ווייס געגוי:
אין איבערפולטער קרוג
וועט מער שוין נישט אַריין
קיין טראָפּן וועסנע?

און ווער האָט דיר געזאָגט,
אַז פול איז שוין די קרוג,
אַדורכגעלעכערטע דורך שטראַל און שטערן?

ווען ס׳וועט אַ צווייג מיר אָנזאָגן: גענוג,
וועל איך שוין איר געשריי נישט הערן.

אינהאַלט

זייט

אַ תפילה צו זיך

אַ תפילה צו זיך 7
ביסט ווידער דאָ 8
קראַטעס 10
אַ ליד 11
אַ בריוו 12
בלומען אויף מיין גאַנעק . . 13
אונדזער באָבע 14
ווערסנע 15
נחמו... 16
מאַמע 17
טאַטע—מאַמע 18
אַ ליד וועגן אַ יונגן בלעכער . 20
רעהאַביליטירטער 21
שרעק 23
בלעטער־פאַל 24
פון מענטש צו מענטש . . . 25
ערב־פרילינג 26
דורך פירעק פון פענצטער . . 27
מיין קינד האָט אַ בלעטל... . . 28
צי מוז דען טאַקע זיין אַזוי . . 29
בליונג 30
אַ וויג־ליד 31
נאָר דו 32
איך האָב געוואָלט 33
וואַרט ביים סקווערל . . . 34
גערטנער, באַגיס דיינע בלומיקע
בייטן 35
דאָס שליסעלע צו דיר... . . 36
כ׳האָב מורא 37

זייט

רייס אָפּ די צייטיק געוואָרענע
שטילקייט 38
מאַכט 39
נישט נאָר אַ צווייג 40
פרילינג מיינער 41
אַ פרימאָרגן אין וואַלד . . . 42
ווידער 43
מיין בלום 44
מענטש 46
אַ שפּאַס 48
פרעמדע 49
ווען אַלע ליכטן... 50
ביז וואַנען 51
אָנהייב האַרבסט 52
די בלום אין דער ליימענער קרוג 53
אַ טראָפּן זון 54
צוויי טרערן 55
פלאָנטער 56
בלומען 57
אַ נאַכט 59
ווער איז זי 60

איבערפלאַנצונג

איבערפלאַנצונג 65
זאָל נאָר צו שפּעט נישט אָנקומען
צו מיר 67
אויב ס׳קאָן מיין וואָרט... . . 68
נאָר נישט דו 69
ס׳זאָל עמעצער מיך דאַרפן . . 70
פון יענער זייט וואָרט . . . 71
בלומענקלאַנג 72

	זייט
אַזוי פיל בריקן	73
בענקען	74
מיט זיך	75
אַ ליבע־ליד	77
חלומות	78
פאַרפאַלן	79
צו אַ פרעמדן	80
קליין־גליק	81
ביי די ברעגן פון כנרת	82
ווי גוט	83
תהום	84
צווייאיקייט	85
אַ שטראַל	86
דו האָסט געזען אַ מאָל...	87
ווער האָט געזאָגט	88
ס׳האָט עמעצער	89
סענטימענטאַל	90
ווי איך	91
גרויסליכט	93
אין מידבר פון זאַמד	94
ביי נאַכט אין די נפתלי־בערג	95
זאָל פאַרגעסן	96
רויקייט	97
אומעט	98
געמיינט	99
אַ נאַכט אין עמק־הירדן	100
אין פאַרשלאָסענעם הויז	101
ביים ים המלח	102
מידבר	104
אַ באַגעגעניש מיט אַ פרוי	105
גרויקייט	106
איך ווייס	107
אַן ענטפער	108
אפשר ?	109
אומרו־ערד	110
אַ שפעטע	112
צו טייער	113
אומעטיקע מענטשן	115
איין און איינציקער טאָג	116
ווען ס׳וועט אַ צווייג	117